


# אינהאלט


7 דער כח פון די צונג
23 תורה איז די בעסטע סחורה
35 תורה מיט מסירות נפש
55 רחמנות האבן אויף יעדע באשעפעניש
65 אויסגענוצט זיין שטארקייט
79 שבת אליין'ס אין מדבר


**טייערע און זיסע קינדערלעך,** איך האב דעם פארגעניגן און זכות צו אייך ערציילן און פארשטעלן נאך א שפאנענדע ארטיקל. מיין וואונטש איז אז איר זאלט האבן גרויס הנאה ביים דורך ליינען דעם ביכל, און די לעקציע וואס איז איינגעדרייט צווישן די ווערטער און בילדער זאלן אריינדרינגען אין אייער הארץ. און אייך העלפן ארויף גיין העכער און העכער.

איך האב גרויס דאנק צום בורא עולם אויף וואס ער האט מיר באשאנקען מיט א מתנת חנם פון זיין ברייט הארץ, און האט מיר מזכה געווען צו פארשפרייטן זיין ליכטיגקייט אויף זיין וועלט.

# דער כח פון די צונג



**ר' לייביש:** א גוטע נאכט שעפעלע, ביסט שוין גרייט צו גיין שלאפן?

**קאפעלע:** יא! איך בין גרייט!

**ר' לייביש:** שוין אנגעגרייט נעגל וואסער?

**קאפעלע:** יא!

**ר' לייביש:** געליינט קריאת שמע ערליך אינעווענדיג?

**קאפעלע:** יא!

**ר' לייביש:** האסט שוין געקושט די מזוזה?

**קאפעלע:** יא!

**ר' לייביש:** זייער פיין! מיין קינד אזוי ווי מען לייגט זיך אזוי שטייט מען אויף, אז מען גייט שלאפן ווי א איד שטייט מען אויף ווי א איד!

**קאפעלע:** איך האף אז איך גיי האבן גוטע חלומות...

**ר' לייביש:** צדיקל! יעצט פאר דו שלאפסט איין, לאמיר דיר טאקע פארציילן א מעשה וועגן א חלום... טאקע נאר א חלום אבער מיט אן אמת'ער מוסר השכל! ביסטו גרייט?

**קאפעלע:** יא!



**אִין** דִי וַוייטֶע לַאנְד פָּרַס אִיז אַמָאל גֶעוֶועהְן אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהֵייסְן סָאלַאשׁ, קֶענִיג סָאלַאשׁ אִיז גֶעוֶוען בַּארִימְט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלט אַלְץ אַ רַייכֶע גְרוֹיסֶע קֶענִיג, גֶעלְט הָאט עֶר גֶעהַאט אִיבֶּערְן קָאפּ, גֶעווֹאוֹינְט אִין הֶערְלִיכֶע גְרוֹיסֶע פַּאלַאצְן בַּאצִירְט מִיט גָאלְד אוּן זִילְבֶּער.

קֶענִיג סָאלַאשׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פַיינֶער מֶענְטשׁ, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶועהְן זֵייעֶר גוּט צוּ דִי מֶענְטשְׁען פוּן זַיין לַאנְד, אַלֶע הָאבְּן אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט, זַיינֶע בַּאדִינֶערְס זֶענֶען אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעטְרַיי, אוּן שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ טוּהְן וָואס נָאר דִי קֶענִיג וֶועט הֵייסְן.

מַאכְט זִיךְ אַמָאל, אוּן דֶער בַּאלִיבְּטֶער קֶענִיג סָאלַאשׁ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נִישְׁט גוּט צוּ שְׁפִּירְן, צוּם עֶרְשְׁט הָאט עֶר גֶעהַאט גֶעפֶערְלִיכֶע קָאפּ שְׁמֶערְצְן, דֶערְנָאךְ הָאבְּן אוֹיךְ זַיינֶע הֶענְט אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוייטוּהְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ זַיינֶע פִיס, אוּן אַזוֹי אִיז זַיין מַצָב גֶעוָוארְן עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס רִירְן פוּן בֶּעט.

אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעלֶעגְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן זִיךְ גֶעוָוארְפְן מִיט גְרוֹיסֶע יִסוּרִים, דִי גֶעטְרַייעֶ בַּאדִינֶערְס זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר בַּאזָארְגְט, אוּן פְּרוּבִּירְט אַלֶעס צוּ טוּהְן אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ גְרִינְגֶער מַאכְן פַאר׳ן קֶענִיג, אָבֶער גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן.

מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בְּרֶענְגֶען דִי בֶּעסְטֶע אוּן גְרֶעסְטֶע דָאקְטוֹרִים פוּן דִי לַאנְד, דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אוּנְטֶערְגֶעזוּכְט דֶעם קֶענִיג, אוּן יֶעדֶע דָאקְטֶער הָאט גֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ "דֶער קֶענִיג לַיידְט פוּן אַ זֶעלְטֶענֶע שְׁוֶוערֶע מַחֲלָה, אוֹיף וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין מֶעדֶעצִין אִים צוּ הֵיילְן".

פוּן טָאג צוּ טָאג אִיז דִי קְרֶענְק גֶעוָוארְן שְׁטֶערְקֶער, אוּן דִי קֶענִיג שְׁוַואכֶער אוּן שְׁוַואכֶער, ס׳הָאט אִים מֶער נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט זַיין גֶעלְט, זַיין רַייכְטוּם, זַיין קֶענִיגְרַייךְ, עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט מִיט דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע יִסוּרִים וֶוען אַרוּם אִים שְׁטֵייעֶן אַלֶע בַּאדִינֶערְס אוּן דָאקְטוֹרִים נִישְׁט ווִיסְנְדִיג ווִי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן.

נִישְׁט וַוייט פוּן יֶענֶע שְׁטָאט הָאט גֶעווֹאוֹינְט אַ דָאקְטֶער וָואס הָאט





אָבֶער, דֶער צַדִיק פוּן דִי שִׁיף, דֶער תַּלְמִיד חָכָם, אִיז גְלַייך גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל אַרַיין, זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

אַ שׁוּל אִיז דָאךְ דִי הוֹיז פוּן יֶעדֶער אִיד הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט זַייעֶר הֵיימִישׁ אוּן בַּאקְוֶועם דָארְט.

אַלֶע אִידְן פוּן דִי שְׁטָאט הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט "וֶוער אִיז דֶער אִיד וָואס זִיצְט זִיךְ אַלֵיינְס אַ גַאנְצֶע טָאג אִיבֶּערְגֶעבּוֹיגְן אִיבֶּער זַיינֶע סְפָרִים, אוּן לֶערְנְט אַזוֹי פְלֵייסִיג?" זִיכֶער מוּז עֶר זַיין אַ גְרוֹיסֶע תַּלְמִיד חָכָם! זַיי זֶענֶען צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן בַּאגְרִיסְט, אוּן זַיי הָאבְּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת אִין לֶערְנֶען, אוּן עֶר הָאט יֶעדֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ קְלָארְקַייט.

זַיי הָאבְּן אַיינְגֶעזֶעהְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט סְתָם עֶפֶּעס אַ אִיד, נָאר עֶר אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע תַּלְמִיד חָכָם וָואס קֶען זֵייעֶר אַסאךְ לֶערְנֶען.

זֶעהֶענְדִיג דָאס, הָאבְּן זִיךְ דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטָאט בַּאצוֹיגְן צוּ אִים מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, אוּן זַיי הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען צוּ וֶוערְן דִי רַב פוּן יֶענֶע שׁוּהל. זַיי הָאבְּן אִים צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע הוֹיז וואוּ צוּ וואוֹינֶען, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן פוּן אַלֶעם גוּטְן.





הָאט אַזוֹי בִּיטֶערְלִיךְ גֶעוֵויינְט, אוּן עֶר וָואלְט אִים גֶעדַארְפְט רַאטֶעוֶועט פוּן גֶע'שָׁחְטְ'ן וֶוערְן, אוּן ווִיבַּאלְד דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק מְדַקְדֵּק יֶעדֶע זַאךְ וָואס אַ צַדִּיק טוּט, הָאט מֶען גֶע'פַּסְקְ'נְט אוֹיבְן אִין הִימְל, אַז ר' יְהוּדָה הַנָּשִׂיא וֶועט דַארְפְן לַיידְן שְׁטַארְקֶע יִסוּרִים.

אוֹיף דֶער גְרוֹיסֶער הַיילִיגֶע תַּנָּא הָאט מֶען גּוֹזֵר גֶעוֶוען עֶר זָאל לַיידְן יִסוּרִים!?

שֶׁעפֶּעלֶע! צַדִּיקִים וֶוען זֵיי הָאבְן יִסוּרִים, אִיז דָאס מְכַפֵּר אוֹיף אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי דוֹר, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אֲפִילוּ צַדִּיקִים וָואס הָאבְן גֶעבֶּעטְן פוּן דִי אַייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר זָאל זֵיי גֶעבְן יִסוּרִים, וַוייל אַזוֹי זֶענֶען זֵיי מְכַפֵּר אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן דִי גַאנְצֶע דוֹר.

פַאר דְרַייצְן גַאנְצֶע יָאר הָאט ר' יְהוּדָה הַנָּשִׂיא מִיטְגֶעמַאכְט שְׁרֶעקְלִיכֶע וֵוייטָאגְן, דִי יִסוּרִים זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק אַז עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעשְׁרִיגְן גֶעפֶערְלִיכֶע קוֹלוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעהֶערְט זֵייעֶר וַוייט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָוארְפְן פוּן צַעַר אוּן וֵוייטָאג, דוּרְכְאוֹיס יֶענֶע יָארְן הָאט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעבְן אֵיינְמָאל אַ שְׁמֵייכְל.

אָבֶער רַבִּי הָאט גֶעוואוּסְט, אַז דוּרְךְ זַיינֶע יִסוּרִים שִׁיצְט עֶר אוֹיף אַלֶע אִידְן, צוּלִיב זַיינֶע גְרוֹיסֶע וֵוייטָאגְן הָאבְן פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן אִין יֶענֶע דוֹר גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט, יֶעדֶער אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע צָרוֹת, אוּן אִין יֶענֶע יָארְן אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שֶׁפַע פַאר אַלֶע אִידְן.

יֶענֶע דְרַייצְן יָאר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶערֶעגְנְט! וַוייל רֶעגְן שְׁטֶערְט פַאר מֶענְטְשְׁן אַרוּם צוּ גֵיין אִינְדְרוֹיסְן.

אָבֶער אַז עֶס רֶעגְנְט נִישְׁט, וַואקְסְט נִישְׁט... דִי וֶועלְט דַארְף דָאךְ הָאבְן רֶעגְן?!

נִישְׁט גֶעזָארְגְט! דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז דִי עֶרְד אִיז







פון קיין פְּשוּט'עָ מֶענְטְשׁ, נָאר פון אַ הֵיילִיגֶער מַאן, זַיי הָאבְּן מִיט זַייעֲרֶע אַייגֶענֶע אוֹיגְן גֶעזֶעהְן דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע נֵס וָואס דָא אִיז גֶעשֶׁעהְן...

אַכְמֶעד אִיז אַרָאפּ גֶעשְׁפְּרִינְגֶען פון זַיין קֶעמְל, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבִּיקְט צוּם רָב און מִיט אַ גֶעשְׁטִיקְטֶער קוֹל אָנְגֶעהוֹיבְּן וַויינֶען "רָב, אִיךְ זֶעה אַז דוּ בִּיסְט אַ הֵיילִיגֶער מַאן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוְוִיסְט, אִיךְ בֶּעט דִיךְ זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ זָאג דִיר צוּ, אַז פון יֶעצְט און וַוייטֶער וֶועל אִיךְ מִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן יֶעדֶע מָאל עֶס קוּמְט שַׁבָּת, און דִיךְ לָאזְן רוּהְן."

פון יֶענֶע שַׁבָּת און וַוייטֶער, הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן רוּפְן דִי רָב מִיט'ן צוּנָאמֶען "אֲרִיאַל"! אַלְ'ץ אַ זֵכֶר צוּ דִי נֵס וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן מִיט דִי "אַרְיֵה" מִיט דִי לֵייבּ, און אַזוֹי הָאט מֶען אוֹיךְ גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער און זַיינֶע אַיינִיקְלֶעךְ פַּאר לַאנְגֶע דוֹרוֹת.

יָא! יָא! דָאס אִיז דִי שְׂכַר פון אַיינֶער וָואס הִיט שַׁבָּת, און אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר דִי הֵיילִיגֶע שַׁבָּת!

וַוייל וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת, הִיט דֶער שַׁבָּת אוֹיף אִים!

